**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 200 מיליאן דאלאר אין יוטיליטי ביל הילף פאר 8 מיליאן ניו יארקער

***דיסקאונט געגעבן פאר פריוואטע און נישט-פריוואטע עלעקטריציטעט און גאז קאסטומערס***

***מער פון 1.4 ביליאן דאלאר אין הילף צו באקומען פאר ענערגיע יוטיליטי קאסטומערס אין 2024***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission, PSC) האט אנגענומען א 200 מיליאן דאלארדיגע ניו יארק סטעיט ענערגיע ביל קרעדיט צו פארטיילט ווערן דורך די גרויסע עלעקטריציטעט און גאז יוטיליטי פירמעס פאר זייערע קאסטומערס. די ענערגיע ביל קרעדיט איז אן איינמאליגע קרעדיט נוצנדיג סטעיט-צוגעטיילטע געלטער צו צושטעלן הילף מיט ענערגיע בילס פאר מער פון 8 מיליאן עלעקטריציטעט און גאז קאסטומערס וואס האבן דירעקטע מיטערס. מיט די היינטיגע שריט זענען – אדער וועלן – מער פון 1.4 ביליאן דאלאר פארטיילט ווערן פאר ניו יארקע באניצער צו העלפן אראפנידערן ענערגיע קאסטן אין 2024.

"עס קומט זיך פאר יעדן ניו יארקער אפאָרדעבעל און ריינע ענערגיע, און דערפאר האב איך געקעמפט צו פארזיכערן נאך געלטער צו צושטעלן פינאנציעלע הילף פאר שווער-ארבעטנדע פאמיליעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ענערגיע אפארדעביליטי זעצט פאר צו זיין א הויפט פריאריטעט אין מיין ריינע ענערגיע אגענדע, און די יוטיליטי ביל קרעדיט איז בלויז איינס פון די פילע שריט וואס ניו יארק נעמט אונטער צו רעדוצירן קאסטן פאר די שוואכסטע ניו יארקער."

דער פראגראם, פארגעשלאגן דורך די 'ענערגיע אפארדעביליטי פאליסי' (Energy Affordability Policy) ארבעטס גרופע, פארלאנגט אז די 200 מיליאן דאלאר וואס זענען צוגעטיילט געווארן דערפאר אין די סטעיט בודזשעט פון פיסקאלע יאר 2024 וועלן אנקומען צו קאסטומער אקאונטס דורך אן איינמאליגע קרעדיט ביז אומגעפער 45 טעג פון ווען די יוטיליטי פירמעס באקומען די בודזשעט געלטער. די יוטיליטי ביל הילף בויט ארויף אויף אנדערע וויכטיגע ענערגיע אפארדעביליטי פראגראמען וואס ווערן אנגעפירט דורך ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג 380 מיליאן דאלאר אין ענערגיע הילף פראגראם (energy assistance program, EAP) פינאנצירונג פאר קאסטומערס דורך יוטיליטי פירמעס; 360 מיליאן דאלאר אין היים ענערגיע הילף פראגראם (Home Energy Assistance Program, HEAP) פינאנצירונג; 200 מיליאן דאלאר אין EmPower+ פינאנצירונג פון די סטעיט בודזשעט; איבער 200 מיליאן דאלאר אין געלטער פאר ענערגיע באניצער צו צושטעלן צוטריט צו ענערגיע שפארזאמקייט און ריינע ענערגיע פראדוקטן/סערוויסעס פאר ניו יארקער מיט נידעריגע ביז מיטלמעסיגע איינקונפט (low- to -moderate income, LMI) דורך די סטעיט-ברייטע LMI Portfolio און NY Sun; און מער פון 70 מיליאן דאלאר יערליך דורך דעם וועטער-אינסולירונג הילף פראגראם (Weatherization Assistance Program, WAP).

די דעפּאַרטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service, DPS), זיך דורכרעדנדיג מיט די ענערגיע אַפאָרדעביליטי פּאַליסי אַרבעטס גרופע, איז באַאויפטראַגט געווארן מיטן אַנטוויקלען אַ יוטיליטי ביל הילף פּראָגראַם וואס זאל זיך אָפּגעבן מיט די קאָסטן פון יוטיליטי אַפאָרדעביליטי פּראָגראַמען, אַנערקענענדיג אַז די קאָסטן פון יוטיליטי פירמעס וואַקסן פאַר ענערגיע מאַטעריאַלן און פאַר די ענערגיע אַריבערפירונג איינריכטונגען. די אַרבעטס גרופע האָט אין באַטראַכט גענומען מערערע פאַרשלאַגן אין לויף פון עטליכע חודשים וויאַזוי צו ברענגען די באַגערטע הילף. די מערהייט פון די אַרבעטס גרופע האָט איינגעשטימט צו די פאַרשלאַג וואס די איינגעשטעלטע האָבן אַרויסגעבערענגט נאָך עטליכע וויכטיגע ענדערונגען, און זיי האָבן רעקאָמענדירט אַז די PSC זאל איינפירן אַן איינמאַליגע ענערגיע ביל קרעדיט וואס וועט הויפּטזעכליך בענעפיטירן פּריוואַטע און קליינע ביזנעס עלעקטריציטעט און גאַז קאַסטומערס.

די ענערגיע אַפאָרדעביליטי פּאַליסי אַרבעטס גרופע באַשטייט פון פירנדע קאַסטומער אָרגאַניזאַציעס און שתדלנים, לאָקאַלע רעגירונגען, באַטרעפנדע סטעיט אַגענטורן און יוטיליטי פירמעס אין ניו יאָרק.

**PSC פאָרזיצער, ראָרי מ. קריסטשיען, האָט געזאָגט,** "מיר אַפּלאָדירן גאווערנער האָקול פאַרן פאַרזעצן צו אַדרעסירן די הויכע קאָסטן פון יוטיליטי בילס אין ניו יאָרק סטעיט מיטן פולן קראַפט. אין די צייט ווען די וואַקלדיגקייט פון די גלאָבאַלע סחורות און די קאָסטן פון אַריבערפירן יוטיליטיס וואַקסן, קומען די גאווערנער'ס נייע און שעפערישע ענערגיע אַפאָרדעביליטי איניציאַטיוון אין די פונקט ריכטיגע צייט."

**פובליק יוטיליטי געזעץ פּראָיעקט (Public Utility Law Project, PULP) עקזעקיוטיוו דירעקטאָרין און לויער, לאָורי ווילאַק, האָט געזאָגט,** "PULP דרוקט אויס אונזער טיפע הכרת הטוב פאַר גאווערנער האָקול און די סטעיט לעגיסלאַטור פאַרן צוטיילן אַ היסטאָרישע 200 מיליאָן דאָלאַר אין די סטעיט בודזשעט פאַר פיסקאַלע יאָר 2023-24 צו אַדרעסירן ענערגיע אַפאָרדעביליטי. PULP און אַנדערע פאַרמישטע קערפּערשאַפטן, אַריינרעכענענדיג די דעפּאַרטמענט פון פובליק סערוויס, Joint Utilities און אַנדערע קאַסטומער שתדלנות אָרגאַניזאַציעס, האָבן געאַרבעט צוזאַמען צו אַרויסשטעלן אַ פאַרשלאַג וואס וועט ברענגען אַ פאַרלייכטערונג פאַר קאַסטומערס. די קאָמיסיע'ס באַשלוס היינט שטרייכט אונטער אַ מיטגעטיילטע איבערגעגעבנקייט צו טרעפן וועגן צו העלפן אַלע ניו יאָרקער, אַריינרעכענענדיג אונזערע שוואַכסטע הויזגעזינדער, וואס שטייען אויס וואַקסנדע יוטיליטי קאָסטן און וואַקלדיגע עלעקטריציטעט און נאַטורליכע גאַז פרייזן. אַזוי ווי מיר פייערן די דערגרייכונג, בלייבט PULP פאַרפליכטעט צו טרעפן און שתדל'ן פאַר נאָך מאָסנאַמען צו זיכער מאַכן אַז ענערגיע איז אַפאָרדעבעל אין 2024 און ווייטער."

אין צוגאָב צו די ענערגיע ביל קרעדיט געלטער און EmPower+, אָפפערן ניו יאָרק סטעיט פּראָגראַמען פינאַנצירונג און טעכנישע הילף וועלכע קענען העלפן היים אייגנטימער, מענטשן וואס דינגען הייזער און ביזנעסער זיך צו אַן עצה געבן מיט זייערע ענערגיע באַדערפענישן.דאָס שליסט איין:

- **אַפּלייט פאַר HEAP:** אָנגעהויבן פון נאוועמבער 1, ווערן אַפּליקאַציעס שוין אָנגענומען פאַר דעם היים ענערגיע הילף פּראָגראַם ( Home Energy Assistance Program, HEAP) וואס קען צושטעלן ביז אַזויפיל ווי $976 פאַר באַרעכטיגטע היים אייגנטימער און טענאַנטס געוואנדן אויף זייער איינקונפט, גרויסקייט פון די פאַמיליע און וויאַזוי זיי הייצן אָן זייער היים (צום ביישפיל, אַ פאַמיליע פון פיר מיט אַ מאַקסימום חודש'ליכע סך הכל איינקונפט פון $5,838 קען זיין קוואַליפיצירט). פאַר מער אינפאָרמאַציע, באַזוכט NYS HEAP.
- **ענערגיע אַפאָרדעביליטי פּראָגראַם\נידעריגע-איינקונפט ביל דיסקאַונט פּראָגראַם:** די פּראָגראַם שטעלט צו פאַר אינקאַם-באַרעכטיגטע פאַמיליעס מיט אַ דיסקאַונט אויף זייער מאָנאַטליכע עלעקטריק און\אָדער גאַז ביל, ווי אויך אַנדערע בענעפיטן, געוואנדן אויפן כאַראַקטער פון די געוויסע יוטיליטי פּראָגראַם. ניו יאָרקער קענען ווערן אויטאָמאַטיש

איינגעשריבן אויב זיי געניסן בענעפיטירן פון רעגירונגס הילף פראגראמען. פאר מער אינפארמאציע זאלן זיי באזוכן זייער יוטיליטי פירמע'ס וועבזייטל, אדער קענען לינקס געפונען ווערן אויף DPS ווינטער גרייטקייט.

- **קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס פראגראמען:** סערוויס ארגעניזאציעס און לאקאלע קאמיוניטי אגענטורן שטעלן צו פינאנציעלע הילף, קאונסעלינג סערוויסעס און הילף מיט יוטיליטי עמערדזשענסיס. ניו יארקער קענען זיך פארבינדן מיט ארגאניזאציעס ווי די אמעריקאנער רויטע קרייץ (800-733-2767), Salvation Army (800-728-7825), און United Way (2-1-1 אדער 888-774-7633) צו לערנען מער.
- **באקומט א פערזענליך-צוגעפאסטע ליסטע פון ענערגיע-פארבינדענע הילף מיטלען אין די סטעיט:** ניו יארק ענערגיע אדווייזער קען העלפן אינקאם-בארעכטיגטע ניו יארקער איינוואוינער געפינען פראגראמען וואס העלפט זיי איוסגעבן ווייניגער אויף ענערגיע און שאפן א געזונטערע און באקוועמערע ארט. מיט ניו יארק ענערגיע אדווייזער, ענטפערן די קאנסומערס פשוטע פראגעס און ווערן פארבינדן מיט ענערגיע-גע'שפארטע פארשלאגן אינערהאלב ניו יארק סטעיט. גע'ספאנסערט דורך NYSERDA און יוטיליטיס, קוואליפיצירטע ניו יארקער קענען באקומען הילף מיטן באצאלן זייער יוטיליטי בילס, באקומען ספעציעלע פארשלאגן אויף הייצונג הילף, און נאך.
- **EmPower+:** הויזגעזינדער וואס זענען בארעכטיגט לויט זייער איינקונפט קענען באקומען א היים ענערגיע אפשאצונג און אומזיסטע ענערגיע שפארזאמקייט מאדערניזירונגען דורך דעם EmPower+ פראגראם, אנגעפירט דורך NYSERDA. באקומט מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם, אריינרעכנענדיג אינפארמאציע איבער וויאזוי צו אפליייען אויף https://www.nyserda.ny.gov/All-Programs/EmPower-New-York-Program.
- **וועטער-אינסולירונג הילף פראגראם (Weatherization Assistance Program, WAP):** אנגעפירט דורך ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל, שטעלט WAP צו אומזיסטע וועטער אינסולירונג סערוויסעס פאר הויזגעזינדער וואס זענען בארעכטיגט לויט זייער איינקונפט. געדינגענע פּראפּערטיס קענען אויך באקומען סערוויסעס, אבער עס זענען דא נאך פאדערונגען פאר אייגנטימער פון געדינגענע פּראפּערטיס. פאר מער אינפארמאציע איבער WAP, אריינרעכנענדיג וויאזוי צו אפּלייען, באזוכט https://hcr.ny.gov/weatherization-applicants.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיוו קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכנענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע איפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכנענדיג מער פון 40 ביליאן דאלאר אין 64 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000

פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט געזעץ, מיט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן